NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10994

# DI BOBETSE MIT DI EYNIKLEKH

Ite Vaynman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x101, or by email at cmadsen@bikher.org.







# די באָבעצע מיט די אייניקלעך

ISBN:0-657-~~10678-X~~
10994-0

#4968

איבערדערציילונג

אַ מתנה

די קינדער פון די

מאָנטרעאַלער פאָלקס שולן.

COPYRIGHT, JEWISH SCHOOL PUBLISHING ASSOCIATION INC., MONTREAL, 1945.

# די באָבעצע מיט די אײניקלעך

אַ פאָלקס מעשה

איבערדערצײלט אין גראַמען

פון

איטע װײנמאַן

אילוסטרירט פון

יחיאל שײנבלום

פאַרלאַג
יידישע שול
מאָנטרעאַל.

ה׳תש״ו

אַמאָל איז געווען אַ באָבעצע,
מיט אַ סך, אַ סך קינדערלעך —
גרויסע און גרעסערע,
גוטע און בעסערע,
מיאוסע און שענערע,
קליינע און קלענערע.
און דאָס פּיצעלע, די גרויס ווי אַ מיצעלע,
האָט געהייסן העשעלע.

איינמאָל גייט די באָבעצע אין וואַלד אַוועק,
שפּענדעלעך קלייבן, די קעלט צו פאַרטרייבן.
זאָגט אָן די באָבעצע די קינדערלעך אַזוי:
„קינדערלעך ליבע, זאָלט איר וויסן,
ס'האָט היינט אַ בער אַ שעפּס צעריסן.
דרייט דער בער זיך אַרום, אַרום הויז,
ווי אַ קאַץ אַרום אַ מויז.
איז טאָמער וועט דער בער דאָ קומען





און וועט קלאַפּן און וועט ברומען,
און וועט רעדן שיין און פיין,
און וועט וועלן אין שטוב אַריין, —
ניט עפנט קינדערלעך, די טיר,
עפענען זאָלט איר נאָר פאַר מיר.
האַלט די טיר שטאַרק פאַרמאַכט,
ביז איך וועל קומען פון וואַלד פאַרנאַכט.״

גייט די באָבעצע אין וואַלד אַוועק,
שפּענדעלעך קלייבן, די קעלט צו פאַרטרייבן.
בלייבן שוין די קינדערלעך אַליין אין הייזעלע,
איז איטלעך קינד דערשראָקן ווי אַ מייזעלע,
סיי גרויס, סיי קליין,
ווען זיי בלייבן אין הויז אַליין.
נעמט דער גרעסטער פון זיי אַלע
און באַהאַלט זיך אין אַ באַליע;

טוט דער צווייטער אים באַלד נאָך
און באַהאַלט זיך אין אַ לאָך.
און דער דריטער טוט אַ ציטער,
און באַהאַלט זיך אין אַ קליין קעמערל.
ווערט דער פערטער שטאַרק דערשראָקן,
גיט ער מיטן פוס אַ בריק
און פאַלט אַריין אין טיי־טשייניק.
גייט דער פינפטער אין געוועט,
אַז מיט איין שפּרונג איז ער אונטערן בעט!
און דער זעקסטער, שטאַרק אין כעס,
שפּרינגט אַריין אין גרויסן פאַס.
זיבן, זיבעטער, געדענקט און ווייסט,
אַז מען דאַרף טאָן וואָס באָבע הייסט.
וואו־זשע זוכט מען אויס אַ פּלאַץ?
אפשר לעבן דער גרויער קאַץ?
אַכטער גיט אַ קלער, אַ טראַכט:





אויפֿן בוידעם, אונטערן דאַך,
וואָלט געווען די בעסטע זאַך.
ניינטער, אין דעם זיידנס זייגער,
איז פֿאַר אים אַ גוט געלעגער.
און דער קלענסטער, גאָר דער שענסטער,
דאָס פּיצעלע, קליין ווי אַ מיצעלע,
דאָס קליין־קליין העשעלע,
באַהאַלט זיך אין אַ פֿלעשעלע.
און אַזוי אַלע, אַלע,
ווער אין קוימען, ווער אין באַליע,
ליגט זיך יעדער אויף זיין אָרט,
קיינער רעדט ניט אויס קיין וואָרט.

פּלוצים, הערן זיי עמיצער גייט.
איינס, צוויי, דריי און פֿיר,
און אַ קלאַפּ אין טיר!
„קינדערלעך, קינדערלעך, עפֿנט מיר אויף!“

„מיר ווילן ניט!"

„קינדערלעך, קינדערלעך, עפנט מיר אויף!"

„מיר ווילן ניט!"

„קינדערלעך, כ'האָב אייך געבראַכט גוטע זאַכן,

אי צום וויינען, אי צום לאַכן!"

„מיר ווילן ניט!"

„כ'האָב אייך געבראַכט אַ פידעלע,

צו שפּילן אייך אַ לידעלע!"

„מיר ווילן ניט!"

„כ'האָב אייך קינדערלעך געבראַכט אַ וועגעלע,

אַ ראָד און אַ זעגעלע!"

„מיר ווילן ניט!"

„כ'האָב אייך, ליבינקע, געבראַכט האָניק און וויין,

לאָזט מיך, קינדערלעך, אין שטוב אַריין!"

„ווילן מיר ניט! מיר ווילן ניט!"







ווערט דער בער שוין זייער מיד,
און ער לויפט אַוועק צום שמיד:
„ליבער שמיד, גוטער שמידער,
דו מוזט מיר אָנשאַרפן דעם עק"
שאַרפט דער שמיד אים אָן זיין עק
און ער לויפט צוריק אַוועק.
איינס, און צוויי, און דריי און פיר,
איז דער בער שוין ביי דער טיר.
גיט ער מיטן פוס אַ בריק,
און אַ כאַפּ זיך באַלד צוריק.

„קינדערלעך, קינדערלעך, עפנט די טיר,
פאַר מיר, נאָר פאַר מיר!
איך בין אַזאַ גוטער,
כ'וועל אייך געבן ברויט מיט פּוטער;
איך בין אַזאַ גוטער,

כ׳טראָג אַ ברוינעם פוטער;
איך בין אַזאַ שיינער, איך גריזשע נאָר ביינער״...

און אַז די קינדער עפענען נאָך אַלץ ניט אויף,
נעמט צום בערס געדולד אַ סוף,
און ער טוט אַ ברום!
„זענט איר אַלע טויב צי שטום?
אָט־אָ גיי איך און איך קום!
וואו זענט איר אַלע פאַרקראָכן?״
דוץ! דוץ! און די טיר איז צעבראָכן!

און מיטן עק נאָך אַ פּאָר שמיצעלעך —
און די טיר צעפאַלט אויף פּיץ־פּיץ־פּיצעלעך!
„האַם און האַם!״ — מאַכט ער הויך,
און די קינדערלעך — אַלע אין זיין בויך!
און ער נעמט זיך באַלד אָפּטראָגן,
צוריק אין וואַלד אַריין זיך יאָגן.
נאָר דאָס קליינע העשעלע, ליגט זיך אין זיין פלעשעלע,





און ער וואַרט ביז די באָבע וועט קומען צוגיין.
פּלוצים הערט ער —
טריט און טראָט, טראָט און טרעט,
און דורכן פלעשעלע ער זעט, —
ווי די באָבע קומט אַריין אין הויף פּאַמעלעך,
און רופט אויס הויך און פריילעך:
„ניט געקומען שפּעט ביינאַכט,
כ'האָב אייך שפּענדעלעך געבראַכט!
ס'איז געבליבן צייט אַ ביסל
האָב איך אָנגעקליבן יאַגדעלעך אַ פולע שיסל.
איז נאָך אַ ביסל צייט פאַרבליבן
האָב איך בלימעלעך פאַר אייך אָנגעקליבן.“

און ווי זי רעדט די ווערטער אויס,
איז זי שוין אין הויז,
און ווי אַ גרויסע מאַמע־בין,







קוקט זי הער, קוקט זי הין:
„ניטאָ! די קינדערלעך ניטאָ!"
זוכט די באָבע אין אויוון — ניטאָ!
הינטערן אויוון — ניטאָ! אונטערן בעט — ניטאָ!
אין פאַס — ניטאָ! אין קוימען — ניטאָ!
„ניטאָ! ניטאָ!" וויינט די באָבעצע און קלאָגט:
„וואו איז מיין פּיצעלע, די גרויס ווי אַ מיצעלע?
און וואו זיינען די גרעסערע, די גוטע און די בעסערע,
די קליינע און די קלענערע, די מיאוסע און די שענערע?"

שפּרינגט אַרויס דאָס פּיצעלע, די גרויס ווי אַ מיצעלע,
וואָס היסן, הייסט דאָס העשעלע,
פון זיין באַהעלטעניש דעם פלעשעלע, און דערציילט:
„ס'איז אַ שלעכטער בער געקומען,
און דיינע קינדערלעך צוגענומען;
נאָר איך, העשעלע, בין אַריין אין אַ פלעשעלע,
האָט דער בער מיך ניט געזען
בין איך געבליבן איינינקער אַליין."

זאָגט די באָבע גיך געשווינד
צו איר פּיצל־פּיצל קינד:
„אָט־אָ נעם איך שוין דאָס מעסער,
און אים ווייַז אָט דעם פרעסער!"

לויפט די באָבע צום שמיד אַוועק,
פול מיט צאָרן אָן אַ ברעג.
„שמידער, שמידער, גוטער שמיד!
ביסט דאָך גאָר אַ שיינער ייִד.
שאַרף גיך אָן פאַר מיר דאָס מעסער!
ערשט געווען אין הויז דער פרעסער,
דער פוילאַק, דער שלעכטער בער,
און מיינע קינדערלעך, ניטאָ שוין מער!"
„אַזאַ פוילער פעפער! אַזאַ שלעכטער בער!"
זאָגט דער שמיד, „גיב דאָס מעסער מיר אַהער!"
שאַרף און שאַרף! שניַין און שנייַן!
„אָט האָסטו, באָבע, שוין אַ שפּיַין!"





דאַנקט די באָבעצע דעם שמיד,
אַז דעם גוטן, שיינעם ייד,
וואָס ער האָט דאָס שאַרפֿע מעסער,
שאַרפֿער נאָך געמאַכט און בעסער.
און די באָבעצע, ווי אַ ווינט,
גיכער, גיכער און געשווינד,
פֿול מיט צאָרן און מיט שרעק,
לויפֿט זי גלייך אין וואַלד אַוועק.

קומט די באָבעצע אין וואַלד,
זעט זי שלעכטן בער באַלד,
שרייט זי: „פֿוילער פּעפּער, שלעכטער בער,
מיינע קינדער גיב אַהער!"

ברומט דער בער און זאָגט: „כ'וויל ניט!"
און אַז דער בער ווערט ווילד און ווילדער,
רעדט די באָבע מילד און מילדער,

און זי רופט אים שטילערהייט:
„בערעלע, בערעלע, ברוינער פוטער,
כ'האָב דיר געבראַכט קיכעלעך מיט פוטער!"
„וויל איך ניט!"
„קום, בערעלע, וועסט זיך דאָ ליגן,
און איך וועל דיך מיט שיינע לידעלעך פארוויגן."

ווי דער בער האָט דאָס דערהערט,
האָט ער ניט קיין סך געקלערט.
נעמט ער לויפן גיך און גיכער,
איצט איז ער שוין ניט קיין קריכער.
לויפט ער גיך אויף אַלע פיר,
און ער קומט גלייך צו צו איר.
גיט די באָבע אים אַן עצה:
„לייג זיך, בערעלע, אויף דער פלייצע,
און בייכל־בויך, — אין דער הויך."





גלעט די באָבע בערעלען,
ציט אים פאַר אַן אויערל,
קיצלט אים אין נעזעלע,
מיט אַ דינינק גרעזעלע:
„מיזעלע־מייזעלע, קעצעלע־גרויס,
שוין, מיינע קינדערלעך זאָלן אַרויס."
און זי זינגט אים ליד און לידער,
און דער בער ווערט מיד און מידער,
און ער ליגט זיך שיין און פיין,
און . . . שלאָפט איין!
און די באָבע מיטן מעסער,
גיט דעם בער אין בויך אַ פּיק
שלאָפט דער בער און פילט עס ניט,
און די קינדערלעך, איינס און צוויי,
גיבן אַלע איין געשריי: בו!!!

דערפרייט די באָבע זיך און זאָגט: „ניין, ניין!
כ'וועל מיינע קינדערלעך ניט לאָזן מער אליין.
כ'וועל איך איינוואַשן די פּנימלעך, אויסצוואָגן די האָר,

ווען אַנטאָן יעדערן שיכעלעך אַ פּאָר,
און וועל מיינע קינדערלעך אַרויפזעצן
אויף אַ לאָפּעטע פון האָלץ,
און איך וועל זיין אַזוי שטאָלץ,
וואָס איר וועט זיין אַזוי ריין;
און אין חדר וועט איר גיין,
און תורה וועט איר לערנען,
און גרויסע חכמים וועט איר ווערן,
וועט איר שיינען ווי די שטערן!".

אַ האָן מיט אַ הון,
און איר וועט לייכטן ווי די זון!
וועט איר אויסוואַקסן גוטע יידן,
וועלן גאָט און לייט זיין פון אייך צופרידן.

סוף.



פֿארלאג
יידישע שול
מאנטרעאל
ב. מלחי.